# התאחדות הרבנים דארה"ב וקאנדא מעורר אויף פארמעט מיט השגחה

## פסק פון רבנים שליט"א אז אויפמישן די סיד מוז געטאן ווערן לשמה שטעלט איין שטרענגע השגחה אויף באקאנטע פארמעט פראדוצירער "ארגענטינא קלף המהודר" וועלכע ארבעט אויס פארמעט בלויז מיט די הענט

ברוקלין, ניו יארק. - אין די פארגאנגענע וואכן האבן די חשוב'ע רבנים הגאוה"צ שליט"א, חברי בי"ד המיוחד לעניני כשרות שע"י התאחדות הרבנים, אפגעשטאטעט עטליכע באזוכן אינעם פאבריק פון די פירמע "ארגענטינא קלף המהודר", כדי צו באאבאכטן די מלאכת הקודש פון אויסארבייטן קלף כשר, פאר ספרי תורה תפילין ומזוזות, און דערנאך קענען געבן דערויף א כתב הכשר.

די רבנים שליט"א האבן אין זייערע באזוכן געוואלט זעהן מיט די אייגענע אויגן, די גאנצע ארבעט וואס ווערט געטאן אויף די עורות, פון ווען זיי זענען רויע פעל אפגעשינדן פון די בהמות, ביז ווען זיי ווערן גרייט אויף צום שרייבן דערויף סת"ם. די רבנים האבן זיך געוואלט איבערצייגן אויף די כשרות סטאנדארטן וואס ווערן באנוצט אינעם פאבריק, און זענען ארויסגעקומען איבערצייגט אויף די הויכע ניווא פון כשרות אינעם "ארגענטינא קלף מהודר" פאבריק. די רבנים האבן באשטעטיגט זייער צופרידנהייט דורכ'ן ארויסגעגעבן א כתב הכשר, אין וועלכן זיי מעלדן איין אז פון איצט און ווייטער שטייט די פירמע אונטער זייער מהודר'דיגע השגחה.

די השגחה איז איינגעפעדימט געווארן נאכדעם וואס די רבנים הגאוה"צ שליט"א האבן איינגעזען די וויכטיגקייט פון קובע זיין א פיקוח אויף די פארמעט פאבריקן, כדי זיכער-צו-מאכן אז די קלפים ווערן אויסגעארבייט כדת של תורה, אז זיי

(פארזעצונג אויף זייט 126)

# התאחדות הרבנים דארה"ב וקאנדא מעורר אויף פארמעט מיט השגחה

(פארזעצונג פון זייט 14)

זאלן זיין כשר פאר ספרי תורה, תפלין אדער מזוזות.

אינעם כתב הכשר שרייבן אויך די רבנים שליט"א קלאר ארויס, אז אן ערליכער איד זאל נוצן נאר די פארמעט וואס איז פראדוצירט געווארן אונטער א השגחה פון אן ערליכן רב אדער ביד"ץ.

די פירמע "ארגענטינא קלף המהודר" איז ביז יעצט אויך געווען אונטער דער פארלעסליכער און גאר שטרענגער השגחה פונעם בי"ד פון קהל חרדים בוענאס איירעס; די פירמע איז דאך געגרינדעט געווארן אין בוענאס איירעס פאר א צייט פון העכער צוואנציג יאר צוריק, מיט די גוטהייסונג און אקטיווער הילף פונעם דארטיגן בית דין. אויך האט די פירמע געהאט א המלצה פונעם בית דין המיוחד לעניני כשרות שע"י התאחדות הרבנים, אין יאר תשמ"ח, אונטערגעשריבן פון די דעמאלטדיגע חברי הבי"ד.

די ערליכע אייגנטימער פונעם פאבריק האבן זיך אבער נישט באגענוגנט בלויז מיט די המלצה, נאר זענען אויך נאכגעקומען דעם פארלאנג פון די גדולי ישראל זצוק"ל אין שנת תרצ"ה, וועלכע האבן אויפגעפאדער,ט אז יעדער פארמעט פאבריצירער מוז זיין אונטער א פולשטענדיגע השגחה פון א רב וואס וואוינט אין די שטאט וואו ער ארבעט אויס די פארמעט, אז דער רב זאל פארזיכערן אז אלעס ווערט געטאן כראוי וכהוגן, אויפ'ן שענסטן און בעסטן פארנעם. דערפאר האבן די חשוב'ע אייגנטימער, נאכ'ן אריבערציען זייער פאבריק פון ארגענטינא קיין ניו יארק, גענומען אויף זיך צו שטעלן אונטער די השגחה פונעם בי"ד המיוחד לעניני כשרות פון התאחדות הרבנים.

די גדולי ישראל אין דער תקופה פון איידער די צווייטע וועלט מלחמה,

לויט די דינים פון דער תורה הק'.]

דער קול קורא איז אונטערגעשריבן געווארן דורך זעקס און אכציג רבנים, און בתוכם די גדולי ישראל בימים ההם אין די לענדער פוילן, ליטא און רוסלאנד - אויפפאדערנדיג דעם ציבור אז מ'זאל נאר קויפן פארמעט וואס האט א השגחה פון א רב, וועלכער וואוינט נאנט צום פאבריק, און קוקט זיך כסדר אום צו זען וואס דארט טוט זיך.

אויסערדעם וואס די דאזיגע פליכט איז דעמאלט פארלאנגט געווארן דורך די רבנים פון יענער צייט, איז דאס אויך נאכאמאל פארלאנגט געווארן דורך די רבנים פון דער היינטיגער צייט, ווי צ.ב.ש. הגאון האדיר בעל מח"ס שבט הלוי שליט"א, אבדק"ק זכרון מאיר ב"ב, וועלכער שרייבט אין זיין הסכמה צום ספר 'מרבה חיים':

..."מה שנגלה מאוד מתוך גילוי טעמי והלכות שבתורה הנ"ל, שצריך עיון ובדיקה אם כל מעבדי עורות למצוות הנ"ל, בקיאים גם בחלק הלשמה המעכב בזה, וזה לא יתברר, רק ע"י חקירה והשגחה תמידית במקומות העיבוד, ע"י בתי הדינים והמורים המובהקים בישראל..."

[איבערזעצונג אויף אידיש:

מ'דארף צו פארזיכערן, אז אלע וואס זענען עוסק אין דער מלאכה פון אויסארבעטן עורות אויף פארמעט - זענען אויך באקאנט אין די פונקטליכע הלכות וואס זענען שייך לגבי אויסארבעטן די עורות, דער חלק פון 'לשמה', וועלכע איז מעכב. דאס קען נאר פעסטגעשטעלט ווערן דורך א שטענדיגע פארשונג און איבערזיכט פון א פראמינענטע בית דין אדער רב מובהק.]

דער גאון חזר'ט איבער זיין דאזיגע ווארענונג אין זיין ספר שו"ת שבט הלוי (ח"י סי' קע"ג וקע"ד), ביי וועלכע ער שטורעמט איבער די לעצטע ערשיינונג אין ארץ ישראל, אז פיל פירמעס


Lose Weight

And Keep It Off!

No Dieting! No Calorie Counting!

האט איר שוין אויספרובירט דעם באוואוסטן דייעט פראגראם?

צו זען באלדיגע רעזולטאטן רופט אונז נאך היינט

845-783-8685

FOR FREE RECORDED HEALTH AND WEIGHT LOSS INFORMATION CALL OUR TOLL-FREE HOTLINE:

1-800-624-7671


לויט ווי ס'איז לעצטנס באקאנט געווארן אין דער תורה'דיגער גאס, איז נישט מעגליך לויט די היינטיגע מציאות'ן אויסצוארבעטן פארמעט אָן דעם וואס מ'זאל אויפמישן די קאלך-וואסער (אין וואס די עורות דארפן זיך ווייקן) עטליכע מאל אין טאג. דעריבער ווערט פארשטאנען, סיי דורך פילע רבנים גאו"צ שליט"א איבער דער וועלט, און סיי דורך די רבנים הגאוה"צ שליט"א פון התאחדות הרבנים, לויט ווי זיי באשטעטיגן דאס אין זייער כתב הכשר, אז דאס אויפמישן די סיד איז א חלק פונעם 'עיבוד', וואס איז מעכב מצד הדין עס זאל געטאן ווערן לשמה, און ממילא טאר מען נישט נוצן קיין מאשין צו טון די דאזיגע חלק העיבוד.

דער פוסק הדור הגאון האדיר בעל "שבט הלוי" שליט"א איז אנגעפרעגט געווארן איבער די דאזיגע שאלה, און ער פירט אויס (ח"י סי' קע"ג וקע"ד) מיט די פאלגענדע ווערטער: "...הלכה למעשה אין דעתי להקל כמ"ש במקו"א. הדא לא מפני שאנו מדמין נעשה

אפצולערנען, אז מ'קען פראדוצירן אזא פיינע קוואליטעט פארמעט, און גלייכצייטיג גארנישט פארמינערן פון וואס ס'פאדערט זיך עפ"י הלכה.

דאס וויכטיגסטע הידור לויט די הלכה איז, וואס די פירמע פארמאגט נישט קיין מאשין אין איר גאנצן פלענט וואו זי פראדוצירט פארמעט, אזוי ארום אז זיי לאזן זיך נישט אריין אין קיין שאלות אויב די אדער יענע מלאכה מעג געטאן ווערן דורך א מאשין, נאר די גאנצע ארבייט בנוגע די פארמעט ווערט געטון דורך היימישע אידן יראים ושלימים, וועלכע טוען אלערליי עבודות מיט די בלויזע הענט "לשם קדושת ספר תורה" אדער "תפלין ומזוזה".

די דאזיגע חומרא איז פון גרויס וויכטיגקייט פאר אלע היימישע אידן וועלכע פירן זיך לויט'ן פסק פון הגאון רבי שלמה קלוגער זצוק"ל און הגה"ק בעל דברי חיים זצוק"ל, וועלכע האבן בימיהם לוחם געווען מיט שווערע מערכות קעגן נוצן מאשינען אויף

נ"י, על מלאכת הקודש שעושה בבית עיבוד עורות לקלף לצרכי סת"ם המכונה בשם "ארגענטינא קלף המהודר" פה ברוקלין נ.י., איך שכל העיבוד נעשה ע"י שומרי תורה ומצוות החרדים לדבר ה' ולתורתו, שיודעים ומכוונים בהם לשמה, בלי שום סיוע מאשין כלל, כפי הוראותינו והשגחתינו.

השגחת הבי"ד הוא על הדברים המפורטים להלן שיהיו נעשים כדת וכהלכה בהידור רב עצהיו"ט:

א) שלא ישתמשו אלא בעורות של בהמות טהורות, שיהי' מן המותר בפיך.

ב) כל הקלפים נעשים מעורות שלילים, שיש להדר ע"ז, כמ"ש רמ"ע מפאנו (סי' ל"ז).

ג) שלא להשתמש בעורות שנמלחו ע"י עכו"ם.

ד) העורות מתעבדים לשם קדושת ס"ת, ובתנאי שיוכלו לשנות לתו"מ או לדבר חול כמבואר בפוסקים. (ואפשר להשיג גם בקדושה מפורטת בלי שום תנאי כלל.)

ה) לצורך העיבוד משתמשים רק

